# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' **אברהם צבי אונגער** שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון נ"א / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת תולדות / מרחשון תשפ"ה

# דער הייליגער רוזינער זצ"ל

(חלק ב')

### חלוקא דרבנן

דער **ראחמיסטריווקער רבי חדב"ן** ז"ל האט דערציילט וואס ער האט געהערט פונעם רבי'ן ז"ל: רבי **אהרן טשערנאבילער זצ"ל** איז געווען א מחותן מיטן רוזינער, ווייל דער **טשארטקובער**, דער זון פונעם רוזינער, איז געווען אן איידעם ביי רבי אהרן טשערנאבילער.

אמאל איז די טשארטקובער רביצין געפארן קיין טשערנאביל, צום טאטן רבי אהרן טשערנאבילער. האט דער טשארטקובער מיטגעשיקט א מתנה פארן שווער, א בעקישע וואס ער האט געהאט בירושה פון זיין טאטן, דער רוזינער.

ווען רבי אהרן טשערנאבילער האט עס באקומען האט ער זיך זייער געפריידט מיט דעם. און ווען עס איז געקומען ראש חודש צום דאווענען האט ער עס אנגעטון.

הגם ער איז אייביג געגאנגען מיט ווייסע בגדים, בגדי לבן, און דאס איז געווען א שווארצע בעקישע, אבער דא איז ער יצא מגדרו, ווייל רבי אהרן האט געזאגט: "דעם מחותן'ס א בגד איז מסוגל אויף יראת שמים".

### אויסגעארבעט די אברים

נאך האט דער **ראחמיסטריווקער רבי חדב"ן** ז"ל דערציילט, אז הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב זצ"ל איז אמאל זומער געפארן צום רוזינער, און אויפן וועג איז ער דורכגעפארן די שטאט לעמבערג, וואו דער ישועות יעקב איז געווען דער מרא דאתרא. האט אים דער ישועות יעקב געפרעגט פארוואס ער פארט צום רוזינער, עס איז דאך נישט באקאנט געווען אז דער רוזינער קען לערנען.

האט ער געענטפערט: אזוויו עס שטייט ביי אברהם אבינו אז ער האט מקיים געווען די גאנצע תורה, אלע עשה'ס און לא תעשה'ס, נאכפאר קבלת התורה, איי, פון וואו האט ער געוואוסט אלע מצוות? ווייל זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, וואס זענען אנטקעגן די רמ"ח עשה'ס און שס"ה לא תעשה'ס, זענען געווען אזוי אויסגעארבעט בקדושה וטהרה, אז יעדע אבר האט געוואוסט וואס ער האט צו טון". האט רבי ר' הערש אויסגעפירט: "דער רוזינער איז אזא איש קדוש, אז ער איז אויך משיג די גאנצע תורה דורך זיינע אברים און גידים".

### סוד נשיקה

עס שטייט אין ספר **בארת המים** וואס ער האט געהערט פון רבי **ברוך וויזניצער** זצ"ל [דער פאטער פונעם אהבת ישראל], וואס ער האט געהערט פון א איד וואס איז געווען ביים רוזינער בשעת רבי ר' הערש האט געדארפט אנקומען. האט אים דער רוזינער געזאגט: "ווארט דא אין שטוב, ווייל באלד וועט דא אנקומען א צדיק, וואס אז דו וועסט אנקוקן זיין צורה זאלסטו וויסן אז דו האסט געזען א מלאך".

דער איד וואס האט געהערט וואס דער רוזינער זאגט אויף רבי ר' הערש, האט ער געוואלט הערן וואס רבי ר' הערש זאגט אויפן רוזינער. איז ווען רבי ר' הערש איז געגאנגען פונעם רוזינער צו זיין אכסניא, איז דער איד אים נאכגעגאנגען און געפרעגט: "וואס זאגט איר אויפן רוזינער?"

האט רבי ר' הערש געענטפערט: "איך קען אייך גארנישט זאגן, יעצט האב איך נאר געזען זיין נאז, אז דער אויבערשטער וועט העלפן איך וועל זוכה זיין נאכאמאל אים צו קענען זען וועל איך אפשר זוכה זיין צו זען מער".

האט דער איד געפרעגט דעם רבי'ן ר' הערש: "פארוואס ווען דער רוזינער האט אייך געגעבן א קוש האט איר נישט צוריקגעגעבן א קוש?"

"מיינסט אז מען קען אזוי גרינג משיג זיין אלע מדריגות? דער 'סוד פון נשיקה' האט מען מיר נאכנישט מגלה געווען פון הימל". איז וויבאלד ער האט נאכנישט מקבל געווען דעם סוד פון נשיקה האט ער נישט צוריקגעקושט.

### טבילה אין נהר דינור

הרה"ק רבי **משה קאברינער** זצ"ל, וואס איז געווען א תלמיד פונעם **לעכאוויטשער** זצ"ל, איז אויף דער עלטער געווארן זייער מקושר צום רוזינער.

שטייט אין **כתבי קודש**, אז רבי משה קאברינער האט דערציילט: אמאל ערב שבת פארנאכטס איז ער געזעסן ביים רוזינער, און ער האט געהערט דעם רוזינער זיך אנרופן: "א איד דארף זיך לערנען טובל זיין אין נהר דינור". בשעת'ן דאס זאגן האט דער רוזינער איינגעבויגן זיין קאפ דריי מאל, און עס איז אים גערינען וואסער פון זיינע פיאות.

*

מיין ברודער ר' **משה ע"ה** האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון ר' **מאיר נתן האפשטיין ע"ה**, וואס האט זיך געדרייט ביי רבי **מאטל סלאנימער זצ"ל**, וואס ער האט געהערט פון רבי מאטל: אמאל זענען ביים רוזינער געזעסן דריי צדיקים, רבי **משה קאברינער**, דער **מאגלינצער**, און דער דריטער האט ער נישט געוואלט זאגן. און דער רוזינער האט געשמועסט מיט זיי.

רבי משה קאברינער איז געווארן אזוי דערשראקן, אז די אויגן זענען אים ארויסגעקומען פון פחד, דער מאגלינצער האט

גע'חלש'ט, און דער דריטער איז איינגעשלאפן. און דער רוזינער האט געענדיגט: "הן הן מעשי מרכבה".

## אשי ישראל

עס שטייט אין ספר אור לישרים פון קאברינער, אמאל ביים געזעגענען האט דער רוזינער געזאגט פאר רבי משה קאברינער: "ליבער, הארציגער רבי משה, וואס קען איך אייך געבן פאר א געדענקעניש?"

דער רוזינער האט אראפגענומען די יארמולקע פון קאפ, און רבי משה האט עס אנגעטון. האט ר' משה געזאגט נאכדעם: 12 שעה דערנאך האט מיר נאך געהיצט אין קאפ [עס איז נאך געווען הייס].

## צדיק צדיק תרדוף

רבי **מאטל סלאנימער ז"ל** האט דערציילט: דער מחותן פונעם רוזינער, רבי **חיים קאסובער** זצ"ל, האט זיך אסאך געפארעט פארן רוזינער ווען ער איז אנטלאפן פון רוזין און אנגעקומען קיין סאדיגורא.

אמאל האט דער רוזינער געפרעגט פון רבי חיים: "מיר האבן געהערט אז איר רעדט אפ אידן פון פארן צו אונז?"

האט רבי חיים קאסובער געענטפערט: "אמת, אבער וואס האבן די זראבעס - ד.מ. די פשוט'ע מענטשן - צו פארן צו אייך? מיר דארפן פארן צו אייך, נישט זיי".

## חיזוק אמונה בעיקבתא דמשיחא

**פונעם רוזינער זענען דא אסאך ווערטער איבער פארן צו צדיקים, אמונת צדיקים, התקשרות לצדיקים, און סיפורי צדיקים.**

אמאל האט דער רוזינער געזאגט: "פאר משיח וועט קומען וועט זיין גרויסע נסיונות אין אמונה און עס וועט זיין זייער שווער. וואס וועט זיין די עצה? אז מען וועט זיצן צוזאמען, מען וועט זיך האלטן באחדות און רעדן פון צדיקים, דאס וועט מחזק זיין די אמונה".

*

עס איז דא די באקאנטע ווארט פונעם רוזינער אויפן פסוק **האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים**, 'אשר יקרא אתכם' - עס וועט זיין קאלט, א קרירות, 'באחרית הימים', איז די עצה 'האספו' - מ'זאל זיך צוזאמקומען, 'ואגידה' - און רעדן פון צדיקים.

## יפה שיחתן של אבות

דער **ראחמיסטריווקער רבי חדב"ן ז"ל** האט דערציילט: אמאל זענען געקומען צום רוזינער צוויי חסידים מחברי ספרים. איינער, א גרויסער תלמיד חכם, וואס האט מחבר געווען א ספר אויף פלפול, און דער צווייטער האט צאמגענומען סיפורי צדיקים.

האט דער רוזינער געזאגט אז קודם וועט ער געבן א הסכמה אויף די ספר פון די סיפורים. פארוואס? ווייל אויף די פלפולים קען אמאל קומען איינער און זיי אפווענדן. אבער סיפורי צדיקים, וויאזוי זיי זאלן נאר זיין ברענגען זיי אריין אמונת צדיקים.

## טף למה באו?

דער בעל מחבר פון ספר **תהלה לדוד**, רבי **דוד'יע אורטנבערג** ז"ל, איז געווען רב אין בארדיטשוב. אמאל איז ער געפארן צום רוזינער מיט זיין טאטן אויף שבת. נאך שבת האט אים דער טאטע געזאגט אז ער זאל שוין אהיימפארן, ער האט דאך געהאט א רבנות פאסטן אין בארדיטשוב. זענען זיי אריין צום רוזינער זיך געזעגענען. קודם איז געגאנגען דער טאטע, און נאכדעם ווען עס איז געקומען צו רבי דוד'יען פרעגט אים דער רוזינער: "איר פארט אויך שוין?" האט ער געוויזן אויף זיין טאטן אז ער האט אים געהייסן אהיימפארן.

האט דער רוזינער געהאט א הקפדה, און ער האט געזאגט: "הערט נישט צו צו די דעה פון די שוטים. ווען עלטערן וואלטן געוואוסט וואס מיר טוען מיט זייערע קינדער, וואלטן זיי געבונדן די קינדער און געבערענגט צו מיר. די וואס האלטן אפ די קינדער פון קומען צו מיר איז גלייך ווי זיי בינדן זיי אוןווארפן זיי אין פייער. איך זאג נישט אין וואסער, ווייל פון וואסער קען מען זיך נאך ראטעווען, אבער פון פייער קען מען זיך נישט ראטעווען".

*

דער רוזינער האט אמאל געזאגט: "אז מען וויל פארן צום צדיק פארט מען; אז מען פארט קומט מען; אז מען קומט פועל'ט מען".

## תשובה דורך קומען

עס שטייט אין ספר **בית ישראל**, אז דער רוזינער האט אמאל געזאגט אויף דעם שפריך-ווארט: 'פון נישט פארן האט מען נישט קיין חרטה', אז 'חרטה' מיינט תשובה. 'אז מ'פארט נישט צו א רבי'ן האט מען נישט חרטה - מען טוט נישט תשובה'.

*

עס שטייט אין משנה, **הולך ואינו עושה שכר הליכה בידו.** האט דער רוזינער געזאגט פשט, **הולך** - אז מען גייט צום צדיק, **ואינו עושה** - אפילו דער צדיק קען אים נישט קיין טובה טון, **שכר** - וואספארא שכר וועסטו האבן? ווען ער קומט ארויף אויף יענער וועלט, **הליכה בידו** - האט ער א רעכט (רשות) צו בעטן מען זאל אים פירן צו דעם צדיק וואס ער איז געפארן צו אים ביים לעבן.

*

נאך שטייט אין ספר **בית ישראל:** אמאל האבן די חסידים זיך זייער שטארק געשטופט ארום דעם רוזינער. האט זיך דער רוזינער אנגערופן: "פארוואס שטופט איר זיך אזוי? נישט גענוג אז איר קענט זיין מיט מיר אונטער איין דאך?!" שפעטער האט ער געזאגט: "נישט גענוג אז איר קענט זיין מיט מיר אונטער איין הימל?!"

## אורייתא קמרתחה ביה

עס שטייט אין ספר **תפארת ישראל**, פון רבי **שלמה טעלינגאטאר**, אז דער **טשערנאוויצער** האט אים געזאגט אמאל: "דו ווייסט דאך וואס דער זיידע, דער רוזינער, האט אמאל געזאגט, אז ווען דער צדיק ווערט ברוגז אויפן חסיד זאל ער זיך נישט דערשרעקן. דער עיקר איז אז דער חסיד זאל ח"ו נישט ווערן ברוגז אויף דעם צדיק".

## מציל מדינה של גיהנום

עס שטייט אין קונטרס **מילין סתומין**, וואס ער האט געהערט פונעם **שטעפינעשטער**, אז דער **טאטע ז"ל**, דער רוזינער, האט געזאגט: "ווער עס שוויצט ביי מיין טיש וועט נישט שוויצן אין גיהנום".

*

עס שטייט אין ספר **בך יברך ישראל**, פון אן אייניקל פונעם רוזינער, אז זיין זיידע, דער רוזינער, האט אמאל געזאגט: "דער וואס האט אמאל אנגעריירט אין מיין קלאמקע וועט נישט שטארבן אן תשובה".

*

עס איז באקאנט וואס שטייט אין **תפארת ישראל**, אז ווען דער רוזינער איז געפארן קיין קארלין אויף דער חתונה פונעם זון, דער סאדיגורער, וועלכער איז געווען אן איידעם ביים **בית אהרן**, איז ער דורכגעפארן די שטאט פינסק, א שטאט נעבן קארלין, האט דער רוזינער געהייסן אפשטעלן דעם וואגן אינמיטן שטאט, און געהייסן עפענען דעם וואגן, און זיך אנגערופן: "ווער עס וועט מיך יעצט אנקוקן וועט נישט זען דעם גיהנום".

## יסורים של אהבה

נאך ווערט געברענגט אין **תפארת ישראל**, אז אמאל ביי בדיקת חמץ האט דער רוזינער געהייסן עפענען דאס לעדל וואו עס זענען געליגן אלע זילבער. ער האט זיך אוועקגעשטעלט דערנעבן און געזאגט: "דער זיידע, דער **גרויסער מגיד**, איז געווען דער קאפ פון משיח, רבי **אהרן טוטיובער** איז געווען די רעכטע האנט פון משיח, רבי ר' **ברוכ'ל** איז געווען די לינקע האנט פון משיח, דער **בארדיטשובער רב** איז געווען דאס הארץ פון משיח. וואס בין איך? א גראבער יונג, אן אבן דומם, א שטיין. די ברילאנט פונעם קרוין".

נאכדעם האט ער ממשיך געווען און געזאגט: "יסורים פון די רדיפות האבן געהאט יעקב אבינו און דוד המלך. אקעגן יסורים און רדיפות וועל איך מיך נישט שעמען אפילו אנטקעגן די אבות. אז משיח וועט קומען וועל איך מאכן א סעודה פאר אלע אידן, ובפרט פאר מיינע מענטשן. דענסמאל וועל איך שטעלן די זילבער צום טיש, וועל איך הנאה האבן פון די זילבער, די זילבער פון מיר, און גאט ב"ה פון אונזביידן".

*

עס שטייט אין ספר **בית ישראל**, אז דער רוזינער האט אמאל געזאגט אויף זיך: "ווי איז פאר דעם דיאמאנט שטיין וואס האט נישט קיין מבין אויף זיך".

## ישרא"ל ואורייתא כולהו חד

איך האב געהערט פון הרה"ח **ר' משה ברוין שליט"א**, וואס האט געהערט פון הגה"ח **ר' משה גבאי ע"ה**, אז דער רוזינער האט אמאל געזאגט: "די גאנצע תורה ליגט אינעם ערשטן פסוק, די ערשטע פסוק ליגט אינעם ערשטןווארט, 'בראשית'. און די ערשטע ווארט ליגט אין דער ערשטער אות, ב'. און די ב' אין דעם פינטל פונעם ב'. און דאס פינטל בין איך".

## בעל השמועה עומד כנגדו

איך האב געהערט פון ר' **משה כהן ע"ה**, וואס ער האט נאכגעזאגט פון איינער וואס האט עס געהערט פונעם **שטעפינעשטער**, אז דער רוזינער האט געזאגט: "איך וואלט געקענט אפלערנען פיל מער בלעטער גמרא ווי איך לערן. נאר וואס זאל איך טון? ווען איך דערמאן די נעמען פון די תנאים ואמוראים קומען זיי אלע צו מיר, איך דארף זיי מקבל פנים זיין, און איך דארף מיך מיט זיי געזעגענען, ממילא געדויערט מיר לאנג א בלאט גמרא".

## היום ניתנה

נאך ווערט געברענגט אין **תפארת ישראל**, אז דער רוזינער האט אמאל געזאגט: "אין הימל לערנט מען דעם **זוהר הקדוש** יעדן טאג מיט אן אנדער פשט".

## מזווג זיווגים

עס שטייט אין **אמרות טהורות** פונעם **ראחמיסטריווקער רבי'ן חדב"ן** ז"ל, וואס ער האט נאכגעזאגט פונעם **רבי'ן ז"ל**, אז דער רוזינער האט אמאל געזאגט: "ווען עס קומט צו שידוכים האבן אפילו מלאכים ושרפים נישט קיין השגה אין דעם. ווייל ווען יא וואלט איך אויך געוואוסט".

## שיחת עופות

עס שטייט אין **תפארת ישראל**, אז ער האט געהערט פון ר' שלום אומאנער-טעפליקער רב, וואס איז געווען א סקווירער חסיד וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און איז אויך געווען א חסיד פון **הרה"ק רבי יוסף מאיר'ל פון מאחניוווקא זצ"ל**, אז ער האט געהערט פון רבי יוסף מאיר'ל וואס האט געהערט פון זיידן, **הרה"ק רבי איציקל סקווירער זצ"ל**, וואס האט געהערט פון זיין שווער, דער רוזינער בזה הלשון: "עס איז נישט דא קיין פייגעלע אין וואלד וואס זאל א טשוויטשע טאן, און איך זאל נישט וויסן פון דעם!".

## צְדָקַת הַצַדִיק

נאך ווערט געברענגט אין **תפארת ישראל**, אמאל איז א איד געקומען צום רוזינער זיך שואל עצה זיין אין אן ענין פון מסחר. דער רוזינער האט אים געגעבן אן עצה, און ער האט ב"ה זייער שיין מצליח געווען, ער איז געווארן אן עושר.

איז ער געקומען צום רוזינער און געזאגט: "רבי, וויפיל געלט זאל איך אייך געבן?" ווייל בזכות דעם רבינ'ס ברכה האט ער אזוי מצליח געווען.

האט דער רוזינער געענטפערט: "איך זאל זאגן וויפיל מען זאל מיר געבן? וויפיל א איד האט א זכיה אזויפיל גיבט ער מיר".

## משביע לכל חי

נאכן הסתלקות פונעם **סטרעליסקער** זצ"ל זענען א חלק חסידים געפארן צום רוזינער. סטרעליסק, איז ווי באקאנט געווען זייער אן ארעמע חסידות, זיי האבן בכלל נישט עוסק געווען אין קיין גשמיות, זיי האבן עוסק געווען נאר אין רוחניות.

ווען זיי זענען דאס ערשטע מאל געקומען צום רוזינער זענען זיי אריין געבן א קוויטל, און זיי האבן גארנישט אריינגעשריבן עניינים פון פרנסה צי אנדערע גשמיות'דיגע זאכן, כאטש זיי זענען געווען בלוטיגע ארעמעלייט, אזוי ווי זיי זענען געווען געוואוינט ביי זייער רבי'ן, דער סטרעליסקער.

ווען דער רוזינער האט דאס געזען האט ער זיך אנגערופן: "עס שטייט אין שלחן ערוך גע'פסק'נט, אז אויב האט מען נישט אינזין געהאט דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע האט מען נישט יוצא געווען, און מען דארף איבערזאגן קריאת שמע, די זעלבע זאך איז אויך די הלכה אז אויב האט מען נישט אינזין געהאט ביי **פותח את ידיך**, דארף מען נאכאמאל איבערזאגן, אזוי ווי ביי קריאת שמע דארף מען אויך אינזין האבן ביי פותח את ידיך".

ער האט צוריקגעגעבן די קוויטלעך און זיי געהייסן אריינשרייבן אלע גשמיות'דיגע עניינים אויך.

## דער ריינער מיליטערמאן

דער פאטער פון רבי **מאטל סלאנימער**, **רבי יהודה לייב ז"ל**, האט געבעטן פונעם רוזינער'ס גבאי ער זאל אים דערציילן א מעשה וואס ער האט אליין געזען און מיטגעלעבט. האט ער דערציילט אזוי: אמאל זענען אנגעקומען צום רוזינער צוויי און זיבעציג אידישע מיליטערלייט, זיי האבן געשריבן א קוויטל, און געשריבן דערין: 'אבי אבי, רכב ישראל ופרשיו, חוסה נא על שארית ישראל ואל יתערב דם טהור עם דם טמא' [אז דער אויבערשטער זאל העלפן זיי זאלן ח"ו נישט גע'הרג'עט ווערן צוזאמען מיט די גויים ביי דער מלחמה].

די ארבעט פון די מיליטערלייט איז געווען צו רייטן אויף פערד אהין און צוריק אויף דער פראנט.

האט דער רוזינער זיי געהייסן אז ווען זיי רייטן אויף זייערע פערד בשעת דער מלחמה, זאלן זיי די גאנצע צייט זיין אנגעטון אין תפלין און זאגן תהלים. הגם יעדע קליינע שינוי איז געווען סכנת נפשות ממש, ווייל מ'וואלט געקענט הרג'ענען אויף דעם, נאכדערצו אין מלחמה צייטן.

האט דער רוזינער זיי ווייטער אנגעזאגט אז ווען זיי קומען צוריק פון דער מלחמה זאלן זיי אריינקומען צו אים.

כך הוה, זיי זענען אלע ניצול געווארן און צוריקגעקומען. האט זיך דער רוזינער אנגערופן: "איינער פעלט". האבן זיי זיך אנגערופן אז יענער וויל נישט אריינקומען. האט דער רוזינער געזאגט מען זאל אים איבערגעבן: "איך בעט ער זאל אריינקומען", און יענער איז טאקע אריינגעקומען.

ווען זיי זענען ארויס האט דער רוזינער געזאגט אויף יענעם: "איך האב נאך אזא ריינער מענטש נישט געזען".

## חותן המלך

עס איז באקאנט די פרשה וואס דער רוזינער איז געזעסן אין תפיסה צוויי און צוואנציג חדשים. און ער האט געהאט אנגעזאגט פאר דער טאכטער, **חי' מלכה**, רבי איציקל סקווירער'ס רביצין, אז זי זאל אים נישט קומען באזוכן. זי האט זיך אבער נישט געקענט צוריקהאלטן איז זי נאך א שטיק צייט יא געקומען באזוכן דעם טאטן.

האט דער טאטע איר געפרעגט: "פארוואס ביסטו געקומען? איך האב דאך געהייסן אז דו זאלסט נישט קומען". האט זי געענטפערט אז זי האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן.

א קורצע צייט שפעטער איז זי נעבעך נפטר געווארן, אנע קינדער ל"ע.

דער רוזינער האט געזאגט: "עס טוט מיר נישט אזוי באנג אויף דער מלכה ווי אויף דעם מלך" [עס טוט אים מער וויי אז ער האט פארלוירן דעם מלך, רבי איציקל סקווירער, ווי דער טאכטער מלכה].

אפילו נאך איר פטירה האט רבי איציקל סקווירער אנגערופן דעם הייליגן רוזינער, 'דער הייליגער שווער'.

דעם רוזינער'ס קינדער פלעגן רופן רבי איציקל סקווירער, אפילו שפעטער אויך, 'דער שוואגער'.

## מלאכים

דער רוזינער האט געהאט זעקס זון. אמאל איז דער רוזינער געקומען אין א שטאט און געפראוועט דעם עולם. אינדערזייט איז געשטאנען א קינד און געקוקט. האט מען אים געפרעגט פארוואס ער קוקט אזוי, האט ער געענטפערט ווייל מ'האט געשמועסט אז א מלאך קומט אין שטאט, און אין די 'אקדמות' וואס מ'זאגט שבועות, שטייט אז א מלאך האט זעקס פליגלען, און ער זעט עס נישט.

ווען דער רוזינער האט געהערט דערפון האט ער געהייסן מ'זאל אים ווייזן זיינע זעקס הייליגע זון. דער ערשטער, רבי **שלום יוסף**, ער האט געהייסן נאכן טאטן פונעם רוזינער. דער צווייטער איז געווען דער **סאדיגורער, הרה"ק ר' אברהם יעקב**, ער האט געהייסן אברהם נאכן זיידן רבי **אברהם המלאך**. דער דריטער איז געווען רבי **דוב בער** - דער **ליעווער**, ער איז געווען אן איידעם ביים **טשערנאבילער מגיד**, און געהייסן נאכן **גרויסן מגיד**. דער פערטער איז געווען **רבי מנחם נחום שטעפינעשטער**, ער האט געהייסן נאכן **מאור עינים**. דער פינפטער איז געווען רבי **דוד משה טשארטקובער**, ער איז געבוירן געווארן שבועות, האט מען אים א נאמען געגעבן דוד, און משה נאכן שווער פונעם רוזינער, רבי **משה בארדיטשובער**. דער זעקסטער איז געווען רבי **מרדכי פייבוש הוסיאטינער**, ער האט געהייסן נאכן פעטער דער **טשערנאבילער מגיד**. הגם דער טשערנאבעלער מגיד האט נאך געלעבט דעמאלס, איז באקאנט אז דער רוזינער האט געזאגט: "דער פעטער רבי מאטל איז שוין כמה יארן נישט דא אויף דעם עולם".

## בזמן שהצדיק בעיר

עס שטייט אין **תפארת ישראל**, אז ווען דער רוזינער איז אנגעקומען אויף סאדיגורא, איז געווען דער יריד יעדע פרייטאג אין סאדיגורא, און עס איז אויסקומען רח"ל חילול שבת, ווייל מען האט געארבעט כמעט ביז ביינאכט.

האט דער רוזינער געזאגט: ווען די בית המקדש איז געשטאנען איז געווען א מצוה פון עליה לרגל. וואס איז געווען דער ענין?

נאר, עס שטייט פון **אר"י הק'**, אז א געוויסע ענין פון תיקון הנשמות ווערט געטון דורך הסתכלות בפרצופין [מען קוקט אן דעם פנים איינעם דעם אנדערן]. בשעת'ן עולה רגל זיין זענען געקומען אידן פון פילע פלעצער, מ'האט זיך געטראפן און זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן, און דורכדעם איז געשען דער תיקון הנשמות.

און וואס איז די עצה זינט דאס בית המקדש איז חרוב געווארן? איז דא צוויי אופנים:

א) אדער אז מען פארט צו צדיקים. ב) אדער אז מען פארט אויף א יריד. אזוי קומט מען זיך צוזאם פון פארשידענע פלעצער, מ'קוקט זיך אן איינער דעם אנדערן, און מ'איז זוכה צו דעם תיקון.

ביז יעצט, האט דער רוזינער אויסגעפירט, איז נישט געווען דא קיין צדיק האט געדארפט זיין א יריד, אבער יעצט אז איך בין דא פארוואס דארף מען דעם יריד?!

אפאר טעג שפעטער איז באשטימט געווארן א געזעץ פון דער ארטיגער ממשלה אז מען פירט אוועק דעם יריד פון סאדיגורא קיין טשערנאוויץ, און עס זאל זיין אויף יעדן מאנטאג.

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865

צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com